# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn


### Title
Fun Yidishn Gezelshaftlekhn Lebn in Los Andzsheles (From Yiddish Social Life in Los Angeles)


### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/0bn66273

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 93(1)



### Author
Vays (Weiss), Shmuel (Samuel)



### Publication Date
1979



### Copyright Information
Copyright 1979 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library University of California

# אין שפיגל פון יידישן לעבן אין ל. א.

שמואל ווייס

## פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאָס אַנגעלעס

### יידישע געמיינדע פירט קאַמפּאַניע קעגן אָפּשטעלן משפטים איבער נאַצי־פאַרברעכער

די יידישע געמיינדע אין לאָס אַנדזשעלעס האָט גענומען פאַרשטאַרקן די קאַמפּאַניע קעגן אָפּשטעלן דאָס משפטן נאַצי־פאַרברעכערס אומעטום ווו די דאָזיקע רוצחים באַהאַלטן זיך אין לעכער אין דייטשלאַנד און אין אַנדערע לענדער.

אין מערב־דייטשלאַנד ווערט געפּלאַנט דורכצופירן אַ געזעץ לויט וועלכן די באַטייליקטע אין מאָרד פון זעקס מיליאָן יידן אין אייראָפּע וועלן ניט קענען געמשפט ווערן נאָכן 31סטן דעצעמבער פון היינטיקן יאָר. אויב די דייטשע רעגירונג וועט אָט דעם געזעץ איינפירן וועט עס מיינען אַז אַרום פופציק טויזנט נאַצי־רוצחים, וועלכע זיינען נאָך אַלץ ערגעץ באַהאַלטן וועלן ניט קענען געבראַכט ווערן אין געריכט אויב עס וועט געלונגען זיי אויסצוגעפינען אין דייטשלאַנד אָדער אין אַנדערע לענדער. צווישן די דאָזיקע פאַרברעכערס איז אגב אויך פאַראַן דער טרויעריק־באַרימטער דר. מענגעלע, וועלכער האָט געשיקט טויזנטער מענער, פרויען און קינדער אין די מאָרד־קאַמערן פון דייטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין משך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אין לאָס אַנדזשעלעס האָט די יידישע געמיינדע אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן מאַסן־פאַרזאַמלונג אין דעם „שמעון וויזענטאַל צענטער", אויפן קעמפּוס פון היגן ישיבה אוניווערסיטעט, ווו עס זיינען אויפגעטראָטן דער מעיאָר פון שטאָט, טאָם ברעדלי; דער גאָווערנאָר פון קאַליפאָרניע דזשערי בראַון און אַ ריי פראָמינענטע פאָרשטייער פון דעם יידישן כלל. דער מיטינג איז אויך אַדרעסירט געוואָרן דורכן טעלעפאָן פון שמעון וויזענטאַל, וואָס האָט שוין ביז היינט זיך באַרימט געמאַכט דורך אויסגעפינען געוועזענע נאַצי־פירער און זיי ברענגען צום משפט. די מאַסן־ראַלי איז אויך אַדרעסירט געוואָרן פון מר. אירווינג ה. גאָלדענבערג, פרעזידענט פון דער געמיינדע וואָס איז די דאַך אָרגאַניזאַציע פון איבער 500 יידישע אָרגאַניזאַציעס אין לאָס אַנדזשעלעס.

די סטייט־לעגיסלאַטור אין קאַליפאָרניע האָט איינשטימיק אָנגענומען אַ רעזאָלוציע אין וועלכער פרעזידענט קאַרטער און שטאַטסלייט פון דער וועלט ווערן אויפגעפאָדערט זיך מיטבאַטייליקן אין די באַמיונגען צו ווירקן אויף דער דייטשער רעגירונג „צו דערפילן איר מאָראַלישער פליכט צו זוכן און ברענגען די נאַצי־פאַרברעכערס געמשפט צו ווערן פאַר זייערע גרויזאַמע פאַרברעכנס."

### קאַמפּיין צו שאַפן ספּעציעלע הילף צו פאַרבעסערן די לאַגע פון אָרעמע משפחות אין ישראל

דער היי־יאָריקער קאַמפּיין פאַרן יידישן וועלפער־פאָנד אין ל. א. האָט שוין געמאַכט אַן אָנהייב אין פעברואַר־חודש מיט דער זאַמלונג פון די ערשטע פינף מיליאָן דאָלער. די אָנפירונג פונעם קאַמפּיין אונטערן אויפזיכט פון יידישן פעדעראַציע־קאַונסיל האָט אַריבערצושטייגן די סומע פון 31 מיט אַ פערטל מיליאָן דאָלער וואָס זיינען געזאַמלט געוואָרן פאַריקן יאָר. דער גענעראַל מענעדזשער פונעם קאַמפּיין איז היינטיקס יאָר מר. סידני מ. אירמאַס, אַ באַקאַנטער כלל־טוער אין דער היגער געמיינדע.

היינטיקס יאָר וועט דער וועלפער־פאָנד זיך באַמיען צו שאַפן אַ ספּעציעלע סומע, ווי אַ טייל פון דער אַלגעמיינער קאַמפּאַניע, צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די אָרעמסטע משפחות אין דער מדינה. מען רעכנט אַז עס זיינען פאַראַן אַרום דריי הונדערט טויזנט איינוווינער אין ישראל, צום גרעסטן טייל יידישע אימיגראַנטן פון תימן, מאַראָקאָ און אַנדערע שכנות־דיקע לענדער, מיט גרויסע משפחות,

וועלכע וווינען נאָך אַלץ אין אָרעמע געגנטן, וווינען אין „סלאָם"־הייזער, לעבן אויף אַ נידעריקן עקאָנאָמישן מצב און האָדעווען זייערע קינדער אין זייער אָרעמע באַדינגונגען.

די רעגירונג אין ישראל האָט פּראָקלאַמירט אַ נייעם פּראָיעקט „איבערבוי", דורך וועלכן זי פּלאַנט צו בויען נייע דירות פאַר אַ דעם טייל פון דער אָרעמער באַפעלקערונג און אָפּשאַפן די סלאָם־וווינונגען וואָס זיינען געבליבן פון די אַלטע צייטן ווען די מלוכה איז ניט געווען בכוח צו בויען מאָדערנע דירות פאַר דעם וואַקסנדיקן שטראָם אימיגראַנטן באַלד נאָך דער שאַפונג פון דער מלוכה. דער פּראָיעקט וועט דאַרפן קאָסטן אַ ביליאָן מיט צוויי הונדערט מיליאָן דאָלער פון וועלכע די מלוכה וועט שאַפן אַ העלפט און די אַנדערע העלפט וועט דאַרפן געשאַפן ווערן מחוץ לארץ. פיר הונדערט מיליאָן דאָלער וועלן דאַרפן געשאַפן ווערן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

די יידישע געמיינדע אין ל. א. האָט זיך אונטערגענומען איבערצובויען די געגנט „מאָסראַראַ", ביי דער אַלטער גרענעץ פון ירדן, וווּ עס וווינען אַרום דריי טויזנט יידן, מייגסטנס פון מאַראָקאָ, אין ענגע שטיבלעך צו פיר און פינף נפשות אין אַ צימער און אָן די עלעמענטאַרסטע וווינונג־באַדינגונגען. אויף אָפּצושאַפן אָט דעם „סלאָם"־געגנט וועט די יידישע געמיינדע אין ל. א. זיך באַמיען צו שאַפן אַ ספּעציעלע סומע ווי אַ טייל פון דער אַלגעמיינער קאַמפּאַניע איבערצובויען די פאַרנאַכלאָזיקטע געגנטן אין דער מדינה.

## „יוניווערסיטי אָוו דזשודאַיזם" ערט איר פּרעזידענט

דער יידישער אוניווערסיטעט אין ל. א. („יוניווערסיטי אָוו דזשודאַיזם") האָט אָפּגעגעבן כבוד דעם לאַנג־יאָריקן פּרעזידענט, דר. דייוויד ליבער, דורך אָנרופן די גראַדואיר־אָפּטיילונג פון דעם הויכן לערן־אַנשטאַלט אויף זיין נאָמען. פון היינט אָן וועט די אָפּטיילונג פאַר גראַדואיר־סטודענטן אין דער באַרימטער שולע פאַר הויכע יידישע לימודים הייסן „די דייוויד ליבער שול פאַר גראַדואיר־שטודיעס". ביי דעם באַנקעט וווּ עס איז געפייערט געוואָרן דער משנה שם פון דער שולע איז באַקאַנט געוואָרן אַז דער פינאַנסיר און פילאַנטראָפּ, מאַרק טעפּער, האָט מנדב געווען אַ געביידע אויפן נאָמען פון אַמעליאַ און מאַרק טעפּער, וואָס וועט אויפגעבויט ווערן אויפן נייעם קעמפּוס פון דעם אוניווערסיטעט אויף מאָלהאָלאַנד דרייוו, לעבן דעם אַקאַדעמישן בנין.

דר. דייוויד ליבער איז אַ זון פון יידישע אימיגראַנטן פון פּוילן. די שפּראַך אין זיין היים, אויף דער אַמאָליקער איסט־סייד אין ניו־יאָרק, איז געווען יידיש און ער איז ביז היינט פאַרבליבן נאָענט פאַרבונדן מיט דעם יידיש־געזעלשאַפטלעכן קרייז פון וועלכן ער איז אַרויסגעוואַקסן. טאַטע־מאַמע האָבן אין שווערע באַדינגונגען (דער טאַטע איז געווען אַ פאַבריק־אַרבעטער וואָס האָט געפּראַצעוועט 11 שעה אַ טאָג) געגעבן דעם יונגן בחורל אָן אַלגעמיינע און אויך אַ יידישע בילדונג.

דר. ליבער האָט גראַדואירט פון סיטי־קאַלעדזש אין ניו־יאָרק און גלייכצייטיק אויך געלערנט אין יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר, וווּ ער האָט אַרויסגעוויזן באַזונדערע קענטענישן אין העברעישער ליטעראַטור. דער סעמינאַר האָט אים געגעבן סמיכה אויף רבנות. די ערשטע צוויי יאָר נאָך זיין קומען קיין ל. א. איז דר. ליבער געווען ראַביי אין היגן סיני טעמפּל. זינט 1956 איז ער פאַרבונדן מיט דעם „יוניווערסיטי אָוו דזשודאַיזם" און זינט 1963 איז דר. ליבער דער פּרעזידענט פון דעם אוניווערסיטעט, וואָס איז אונטער זיין אָנפירונג געוואָרן איינער פון די העכסטע און אנערקענטסטע יידישע לערן־אינסטיטוציעס.

אויף דעם פריער־דערמאָנטן באַנקעט אין סענטשורי־פּלאַזאַ האָטעל האָבן זיך באַטייליקט, אַחוץ די פריינט און אַקטיווע טוערס פון דעם אוניווערסיטעט, אויך אַ דעלעגאַציע פון 400 ראַביים פון קאָנסערוואַטיווע טעמפּלען, וואָס זיינען געווען אין לאָס אַנדזשעלעס ווי דעלעגאַטן צו דער ראַביניקעל אַסעמבלי, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דאָ אין שטאָט. דאָס איז געווען באמת אַ פאַרדינטער כבוד פאַר דעם יידישן געלערנטן.

## סעריע לעקציעס פון שואל גוטמאַן אַ גרויסער דערפאָלג

דער יידיש־וועלטלעכער סעקטאָר אין ל. א. האָט געלערנט תורה מיט אַ באַזונ־דערער התמדה ביי דער סעריע לעקציעס וואָס דר. שואל גוטמאַן האָט געגעבן דאָ־הי אין משך פון פעברואַר חודש. דער געוועזענער דירעקטאָר פון שלום־עליכם אינסטיטוט און פּראָפעסאָר פון יידישע ליטעראַטור און פילאָסאָפיע אין יידישן לערער־סעמינאַר הרצליה, וועלכער איז אגב אַ מיטאַרבעטער אין „חשבון“, איז געווען דער גאַסט פון יידישן קולטור־קלוב ווו ער האָט געהאַלטן צוויי לעקציעס: איין לעקציע וועגן „יידיש לעבן און שאַפן אין צוויי קולטורן“ און אַ צווייטע לעקציע וועגן „דער נייער עטנישער באַוועגונג צווישן דעם אַמעריקאַנעם יידנטום.“

חבר שואל גוטמאַן איז אַלע זיינע יאָרן אַן אַקטיווער קולטור־טוער, אַחוץ זיינע אַרבעטן אַלס לערער, זשורנאַליסט און לעצטנס מחבר פון אַ בוך „דער גלויבן פון וועלטלעכע יידן“ האַלט ער אַן אַ נאָ־ענטן קאָנטאַקט מיט געזעלשאַפטלעכע טוערס אין ניו־יאָרק און איבערן לאַנד. ער פילט דעריבער דעם דופק פון יידישן לעבן און שאַפן, די אַספּיראַציעס און האָ־פענונגען פון יידישע קולטור־מענטשן ווי אויך די אַנטוישונגען און ספקות אין יידי־שע קולטור־קרייזן. זיינע לעקציעס וואָס זיינען, להיפוך צו די שטימונגען אין אַ טייל יידיש־קרייזן, געווען דורכגעדרונגען מיט אָפּטימיזם וועגן דער צוקונפט פון יידישער קולטור אין אַמעריקע, האָבן דעריבער אָנגערעגט זיינע צוהערערס און האָבן איבערגעלאָזט אַ לאַנג־דויערנדיקן איינדרוק אין אונדזער שטעטל.

אַחוץ די דריי לעקציעס אינעם היגן קולטור־קלוב האָט ד״ר גוטמאַן געהאַלטן צוויי לעקציעס אינעם אַרבעטער רינג. איין לעקציע (אין יידיש) וועגן דער „צו־קונפט פון יידישן קיבוץ אין אַמעריקע“ און אַ צווייטע לעקציע (אין ענגליש) וועגן „דעם גלויבן פון וועלטלעכע יידן“.

באַזונדערס געלונגען איז געווען זיין אויפטריט ביים אַרטור זיגלבוים בר. 486 פון אַרב. רינג וואָס ציט צו געוויינלעך אַן עולם בונדיסטן און ניי־געקומענע אימי־גראַנטן — דאָס הייסט ניי־געקומענע נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה אָבער אויך ניי־געקומענע פון ישראל און סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אַלע לעקציעס זיינען געווען גוט באַ־זוכט און האָבן אָנגערעגט דיסקוסיעס פונעם עולם.

## ציוניסטישע אַרבעטער באַוועגונג פייערט יובליי פון יעקב קאַהאַן

די ציוניסטישע אַרבעטער באַוועגונג אין ל. א. האָט אָפּגעגעבן כבוד צו איינעם פון זיינע חשובסטע כלל־טוער, דעם לאַנג־יאָריקן פּרעזידענט פון היגן הסתדרות־קאַמפּיין, יעקב (דזשעק) קאַהאַן, צו זיין אַכציקסטן געבוירן־יאָר.

חבר אַלעקס ראַבין, אַ נאָענטער פריינד פונעם בעל־שמחה און זיין פרוי רעי, אַן אַקטיווע טוערין אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פּיאָנערן־פרויען, פון וועלכער מיר מיר גיבן דאָ איבער אַ תמציתדיקן קיצור:

„כלל־אַרבעט מיט קאַהאַנען איז אַ פריי־ווילעגיע, ווייל מ׳גייט מיט אים אויף אַן אייזערנער בריק. אַמאָל ניט אַזוי מיט זיין דירעקטער אַרבעט, ווי מיט דער זי־כערקייט מיט וועלכער ער שטעקט אייך אָן. זיי פּאָזיציע אין דער באַוועגונג און זיין פּרעסטיזש אין אונדזער גאַנצער סביבה איז גורם דערפאָלג. קאַהאַן האָט זיך ניט געלערנט געזעלשאַפטלעכע אַר־בעט אין אַ שול. ער האָט זיך אויסגעשולט ביי דער אַרבעט. ווי אַ געטרייער זון פון זיין דור — אָט דעם מערקווירדיקן דור אין וועלכן דאָס פאָלק האָט אַזוי פיל גע־שאַפן און פון וועלכן ער איז אַ ביישפּיל — ווייס איך אַז אַ סך מאָל וויל קאַהאַן ניט אויסזאָגן זיך אַליין ווי שווער דער וועג איז, ווייל ספקות שלאָגן אָפּ די פליגלען.

ווי יעדער עוסק בצרכי ציבור האָט קאַ־האַן עטלעכע ספּעציפישע מעלות אָדער בעסער געזאָגט, מידות, וואָס טיילן אים אויס פון זיינע מיטאַרבעטער. וואָס זיינען זיי?

1) טאָלעראַנץ: די טאָלעראַנץ צו אַ צווייטנס מיינונג און אפילו צו קעגנערס. אפשר ווייל ער האָט אין זיין יוגנט ניט דורכגעמאַכט די פּאַרטיי־קאַמפן און אינע־

ווייניקסטע ראַנגלענישן און קאָנפליקטן, איז ער געבליבן גאַנץ, מיט אַ פּראַגמאַטישן צוגאַנג צו אַלע געזעלשאַפטלעכע ענינים. ער זעט שטענדיק די פּאָזיטיווע זייט.

2) אַחריות: פאַראַנטוואָרטלעכקייט; אַן אומר ועושה, אַ דיסציפּלינירטער, מאַנענדיק פון זיך און מאַנענדיק פון אַנדערע.

3) אָרגאַניזאַציאָנעלע פעאיקייט: אַ געזונטע גראַדע לאָגיק מיט אַ פאַרשטענדעניש ווי אַזוי צוציען מענטשן, אויף זיי ווירקן און זיי אַקטיוויזירן.

4) אידעאַליזם באַגלייט מיט פּראַקטישקייט: ניט דערלאָזנדיק אַז אייגס זאָל איינשלינגען דאָס צווייטע. ער פאַרשטייט ווען צו גלויבן און ווען צו צווייפלען. ווי אַ גלויביקער איז ער אָבער קיין מאָל ניט מבטל פאַקטן. אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט קומט אָפט אויס צו באַגעגענען זיך מיטן גוטן און שלעכטן פון דער וועלט, און דאָס גוטע ווערט אויך אָפט שוואַך, אָבער מ'שלעפּט דעם וואָגן.

אויב איר ווילט איז דאָס אַ שטיקל קאַהאַניזם.

5) אַן אָפענע האַנט וואָס מאַכט זיך קיין מאָל ניט צו, לויטן ביאַלער נוסח — מיט אַ שם דאָ און אויך ישראל — פאַר אַלע הצטרכותן איינשליסנדיק קולטור.

איז אַוודאי קאַהאַנס איבערגעגעבנקייט צו כלל־אַרבעט און באַזונדערס צו זיין באַוועגונג און יידישער קולטור, אַ ברכה פאַר לאָס אַנדזשעלעס. ער איז אַן אַדרעס דאָ אין שטאָט און מיר זיינען שטאָלץ מיט אים. איך וויל נאָר צוגעבן, אַז די אַלע אַקטיוויטעטן אין וועלכע קאַהאַן איז אַנגאַזשירט, איז אויך אַ ברכה פאַר אים. לויט אחד העמס זאָג וועגן שבת, האָט קאַהאַנס געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אויפגעטאָן אַ סך פאַר אים אַליין.

ווייל געזעלשאַפטלעכע אַרבעט איז אַ שול; ס'פאַרמירט כאַראַקטער; לערנט מידות און טאָלעראַנץ צו קענען מיטאַרבעטן מיט אַלערליי מענטשן; ס'לערנט דיסציפּלין; איבערהויפּט וואָס מ'איז פאַראַנקערט, פאַרוואָרצלט אפילו ווען מ'דאַרף גיין אַקעגן שטראָם — מ'בלייבט גאַנץ. די פעולה פון דעם אַלעמען זעט מען אויף קאַהאַנען.

וויל איך זיך פאַראייניקן מיט דער גרויסער צאָל חברים און פריינד, ווינטשנדיק אים איינאיינעם מיט זיין ליבער רעי (וואָס קען זיין אַ טעמע פאַר זיך) — איבערהויפּט געזונט און נאָך לאַנגע שעפערישע יאָרן מיט נחת און פרייד אין זייער אַרבעט!"

צו וועלכן מיר זאָגן אָמן.

# לזכר עולם

די רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג פון „חשבון" דריקט אויס מיטגעפיל צו אונדזערע גוטע חברים און פריינד, מיטאַרבעטער פון אונדזער זשורנאַל

## שרה און שמחה ליינער

אויף דער פּטירה פון דעם באַוווסטן רב הכולל פון מעקסיקאָ, שרהס ברודער,

## הרב שלמה דוד ראַפאַלין ז"ל

דער יישוב פון מעקסיקאָ האָט פאַרלוירן איינעם פון זיינע בויער און גרינדער פון ישיבות און בתי מדרשים.

מיר זיינען זיך משתתף מיט אייער צער. געפינט אַ טרייסט אין זיינע מעשים טובים וועלכע מ'וועט אייביק געדענקען.

**פאַרוואַלטונג**

נאָך אַ לענגערער קראַנקייט איז דעם 19טן מערץ אַוועק פון דער וועלט איינער פון די אַלטע פּיאָנערן און בויער פון היגן געזעלשאַפטלעכן לעבן

## הערי ראָטבלאַט ע"ה

ער איז פאַר אַ סך יאָרן געווען אַקטיוו אין אַרב. רינג, אין דער הסתדרות און אין דער ביוראָ פאַר יידישער דערציונג.

כבוד זיין אָנדענק.

**רעד. און פאַרוואַלטונג**

מיט צער און טיפן ווייטאָג דערמאָן איך דעם 4טן יאָרצייט פון מיין ליבן און אומפאַרגעסלעכן מאַן, דיכטער און עסייאיסט

## יעקב שמואל טויבעס ע"ה

כבוד זיין אָנדענק.

**די פרוי גיטל טויבעס**